**בס"ד.**

# יו"ד שבט ה'תש"מ

## הנחה פרטית בלתי מוגה

**באתי לגני אחותי כלה**, זאָגט דאָך דער בעל ההילולא אין דעם המשך פון די מאמרים וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן ליום ההילולא שלו, אַז ער זאָגט אויף דערויף אין מדרש "לגני לגנוני, למקום שהי' עיקר דירתי", וואָרום "עיקר שכינה בתחתונים היתה". און דערנאָך איז דאָך דורך די שבעה ענינים בלתי-רצויים איז געוועזן דער "יקרא דקוב"ה סליק לעילא ולעילא", פון "תחתונים" ביז אין רקיע השביעי,

און דערנאָך איז די שבעה צדיקים, על ידי מעשיהם ועבודתם, האָבן דאָס מוריד-געווען און ממשיך-געווען מלמעלה למטה, ביז ס'איז געקומען משה, וואָס "משה הוא השביעי וכל השביעין חביבין", און האָט אויפגעטאָן דעם "וירד הוי' על הר סיני", אַז ס'איז געווען די ירידה מרקיע הא' לארץ. און דאָס איז געווען דער "ישכון לעד עלי'", אַז ער האָט משכין-געווען "לעד", פון "יקרא דקוב"ה" ווי דאָס איז אין "עד", ביז "עלי'" - ביז אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו.

ביז ווי דערנאָך איז דאָס אַרויסעקומען במעשה בפועל ובאופן גלוי דורך מעשה המשכן, "ושכנתי בתוכם", וואָס עיקר המשכן איז דאָך געווען פון "עצי שיטים עומדים" געמאַכט דערפון די קרשים, וואָס דאָס האָט מען איבערגעמאַכט פון "קרש" אותיות "שקר", אַז פון שקר העולם, וואָס "אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות", איז פון דעם שטות פון "שקר" העולם - האָט ער איבערגעמאַכט און דערפון געמאַכט דער ענין פון "קרשים", און פון די קרשים האָט ער אויפגעבויט "ועשית קרשים למשכן", וואָס דאָרט איז געווען "ושכנתי בתוכם",

און דערנאָך איז געווען אויך "ושכנתי בתוכם" מיטן דיוק "בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד", אַז ס'וועט זיין דער "עיקר שכינה בתחתונים", בתוך כל אחד ואחד מישראל.

**וואָס** התורה איז דאָך "היא נצחית" - אַזוי איז דאָס אויך בעבודת כל אחד ואחת במשך כל הדורות, בזמן שבית-המקדש הי' קיים, און דערנאָך אויך אין די צייטן פון גלות, וואָס "מפני חטאינו גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמתנו", איז דאָך אָבער די תורה נצחית, אַזוי אויך מצוותי' עליהם נאמר "וחי בהם", איז אויך די הוראה פון תורה, די הוראות בנוגע צו דעם משכן, און פאַר דערויף פון יציאת-מצרים, און פאַר דערויף פון גלות מצרים - איז דאָס אויך הוראות עד היום הזה. אָנהויבנדיק ווי מ'זאָגט "בעבודה קשה בחומר ובלבנים", ווי ער טייטשט אָפּ אין זהר, "בלבנים דא ליבון הלכתא ובחומר דא קל-וחומר", ועל דרך זה די אַלע פרטים פון גלות מצרים, און דערנאָך זיינען אידן פון דאָרט אַרויס "ובני ישראל יוצאים ביד רמה".

**און** דאָ איז ער ממשיך אין סעיף העשירי, "העשירי יהי' קודש", אין דעם סיום וחותם פון דעם צווייטן מאמר (בהמשך פון דעם ערשטן), "היושבת בגנים", אַז בּאַ דער יציאה זאָגט מען "היושבת בגנים", וואָס אידן, ווען זיי זיינען "מפוזר ומפורד" בין אומות העולם, איז אף על פי כן איז "חברים מקשיבים לקולך", אַז ס'קומען צוגיין די מלאכים און כביכול קודשא בריך הוא, "ומקשיבים לקולך", וואָרום אידן זיינען זיך עוסק, כאָטש אפילו זיי זיינען "מפוזר ומפורד" אין גנים פון אומות-העולם, זיינען זיי דאָך דאָרטן עוסק אין לימוד התורה וקיום מצוותי', ביז אין אַן אופן בדוגמא ווי ס'איז געווען דעמאָלט "ונצלתם את מצרים", וואס דעמאָלט קומט די גאולה האמיתית והשלימה.

**וואָס** באַ דער גאולת מצרים איז דאָך דאָ דער חידוש וואָס מ'זאָגט אַז דעמאָלט איז "יצאו צבאות הוי'", און ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען "על צבאותם". וואָס שטעלט ער זיך אויף דערויף אין תורה אור על הכתוב, אַז וואָס איז דאָ דער ענין וואָס אידן ווערן אָנגערופן בשם "צְבָאות הוי'", און נאָך מערער, דאָ זאָגט מען דאָך "צְבָאות הוי'", וואָס מצד דעם ניקוד מיט אַ חיריק באַווייזט דאָס, אַז דער "צבאות" זיינען בטל צו "הוי'" ניט קיין ענין בפני עצמו; וואָלט דאָס ניט געווען אַ סמוך צו הוי' - וואָלט דעמאָלט געדאַרפט שטיין ניט מיט קיין חיריק, נאָר בדוגמא ווי ס'שטייט "צְבָאוֹת", וואָס דעמאָלט איז דאָס אַ מלה בפני עצמה, און בשעת ס'שטייט "צְבָאוֹת הוי'" בחיריק איז דאָס אַ טפל - ס'ווערט אויס מציאות לגבי הוי'.

אויך דערנאָך איז ער ממשיך, אַז "בני ישראל יצאו", זאָגט ער דאָרט דעם לשון "על צבאותם". וואָס דער לימוד בזה איז דאָך ביי אַלע אידן, "אדם אדמה לעליון" נעמט מען דאָס ווי די ענינים פון "צבאות" און "צְבָאות" זיינען למעלה.

**וואָס** אַזוי איז דאָך דאָ אין די שמות דלמעלה איז דאָך אויך דאָ דער שם פון "צְבָאות", וואָס אין דערויף זאָגט מען דעם פסק-דין, אַז ער איז פון די ז' שמות שאינם נמחקים. מ'געפינט אָבער אין דערויף אַ חידוש, ווי ער איז מבאר דאָרט בארוכה, אַז בתורת משה געפינט מען ניט דעם שם צבָאות, און ווי די גמרא זאָגט, אַז די וואָס "פתחה בשם צבאות" איז דאָס געווען חנה, וואָס זי איז דאָך פון די שבעה נביאות, און דערנאָך איז אויך געווען דער שכר, אַז בנה וועט אויך מתנבא-זיין מיטן שם צבָאות.

ביז וואַנענט, אַז דוקא די נביאים אחרונים, וואָס זיי זיינען געווען אין סוף בית-מקדש ראשון, און דערנאָך אויך אַריינגעצויגן אין גלות - איז דוקא באַ זיי איז נבואתם בכמה וכמה, ביז וואַנענט אַז אויך בעיקר, איז פאַרבונדן מיטן שם "צבָאות". וואָס ס'איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז נביאים איז דאָך דאָס לאחרי תורת משה, ביז וואַנענט אַז אפילו אין נבואה זאָגט מען "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", על אחת כמה וכמה ווי "דברי תורה", און דערנאָך קומען ערשט "דברי קבלה", דברי נבואה.

מה שאין כן דאָ געפינט מען אַ חידוש, וואָס ס'איז דאָ, ווי ער איז מבאר בארוכה אין תורת חיים פון דעם מיטעלן רבי'ן, אַז העובר על דברי נביא האָט ער אַן עונש חמור, משא"כ העובר על כל וכמה דברי תורה וואָס שטייען אין תורת משה, און דאָרט איז דער עונש [וואָס דאָס באַווייזט דאָך אויך אויפן פגם] שלא בערך קלענער ווי דער עונש פון העובר על דברי נביא.

**וואָס** דאָס [איז] ווי דער מיטעלער רבי פאַרבינדט דאָס אויך מיט דעם ענין וואָס ס'האָט אויפגעטאָן דער שם "צבאות", וואָס שם צבאות איז ער דאָך, ווי ער זאָגט אין חגיגה, אַז דאָס איז "אות הוא בצבא שלו", אַז ס'איז דאָ דער ענין פון "צבא שלו", און אַזוי ווי ער איז דער "אות" אין דעם "צבא" - איז דערפון ווערט דער שם "צבאות". ביז וואַנענט אַז ווי די גמרא זאָגט אין שבועות, אַז אין דערויף איז גאָר שייך אַ קא-סלקא-דעתך, ביז וואַנענט אַ פלוגתא, ממש אַ מחלוקת, אַז ס'איז גאָר דאָ אַ דיעה פון תנאים וואָס זאָגן אַז "צבאות" איז ניט קיין שם קודש, דערפאַר וואָס ער איז נקרא על שם ישראל, וואָס אידן זיינען "צבאות השם". נאָר דער פסק-דין איז, אַז "צבאות" איז אויך אַריינגעשטעלט אין די ז' שמות שאינם נמחקים.

**איז** [מען] דאָך מבאר אויף דערויף דעם ביאור, אַז דאָס איז בכללות דער חילוק: תורת משה בכללה איז דאָך דער ענין ווי משה "מן המים משיתיהו", און די תורה איז דאָך "זכרו תורת משה", אַז זי איז "נקראת על שמו", וואָס ענינו איז

געוואן מים - דער עולם האצילות, אַ נשמה דאצילות. וואָס אין אצילות איז דאָך "איהו וחיוהי חד איהו וגרמוהי חד", איז דאָרט איז ניט שייך זאָגן דער ענין פון "צבאות", וואָס דאָס באַווייזט אויף אַ ריבוי נפרדים, ווי ער זאָגט אויך אין תורה אור לשון "חיילות", נשמות ומלאכים אַלס נפרדים, מציאות בפני עצמן; עולם האצילות איז דאָס אַן "עולם האחדות", ביז וואַנענט אַז מ'זאָגט אַז אפילו "גרמוהי" איז אויך "איהו וגרמוהי חד".

וואָס דערפאַר איז אויך ווי ער זאָגט אין זהר און אין תיקוני זהר און אין כתבי האריז"ל באריכות, אַז "צבאות" איז דאָס אין ספירות די ספירות פון נצח והוד, וואָס זיי ווערן אָנגערופן "לבר מגופא": דאָס איז ניט דער עיקר הספירות ווי זיי זיינען אין עולם האצילות; וואו איז ענינם? - איז, בדוגמא ווי "נצח והוד כליות יועצות" איז דאָך דאָס כדי ס'זאָל דערנאָך אַראָפּקומען אַ הולדה און אַ השפעה צו דעם תלמיד, ווי בפשטות הענין. אַזוי איז אויך בכללות "לבר מגופא" - אין אַן עולם וואָס מצד עצמו איז ער למטה פון עולם האצילות.

**און** אָט דאָס האָבן אויפגעטאָן נביאים, וואָס נאָך דערויף וואָס ס'איז געווען דער "פני חמה כפני משה" איז שוין ניט געווען בחיים חייתו בעלמא דין, און ס'איז געוואָרן דער ענין ווי ס'האָט זיך געפירט על-ידי יהושע, וואָס דעמאָלט איז דאָך געווען דער "שר צבא", וואָס בשעת ער איז געקומען בימי משה, האָט אים משה ניט געוואָלט נעמען, און דערנאָך זאָגט ער "עתה באתי", וואָרום ס'האָט זיך אָנגעהויבן די הנהגה ווי "פני לבנה כפני יהושע", און יהושע האָט דאָס מקבל-געווען - אף על פי כן איז דאָס נאָך אַלץ דעמאָלט געווען דער "שר צבא", דאָס איז געווען דערפאַר אויך די ניסים אין מלחמת יהושע, משא"כ באַ מלחמת משה איז געווען אינגאַנצן ניסים, כאמור בכתוב "ה' ילחם לכם": דאָס איז אַ מלחמה וואָס ווערט אָנגערופן ניט דורך "שר צבא הוי'", וואָרום דאָס איז אַ מלחמה ווי דאָס נעמט זיך פון עולם האצילות, וואָרום דאָרטן איז דאָס "ה' ילחם לכם" במילא איז [דאָס] אויך אַ מלחמה בניסים גלויים.

**און** דערנאָך איז דאָס געקומען נאָך שפּעטער, לאחרי יהושע, "שר צבא הוי'", דוקא "עתה באתי", דערפאַר וואָס דאָס איז שוין "פני לבנה", און דערנאָך נאָך שפּעטער איז געוואָרן דער ענין פון שם "צבאות" "אות הוא בצבא שלו", אַז אף על פי וואָס ס'איז דאָ נפרדים, וואָס ס'איז דאָך בעולם האצילות איז "איהו וחיוהי חד איהו וגרמוהי חד", און דערנאָך קומט די עולמות בי"ע, "ומשם יפרד" - איז אָט דאָרטן טוט מען אויף דעם ענין פון "צבאות".

אמת טאַקע אַז דאָס איז על שם ישראל - דערנאָך ווערט דאָס אָבער אַ שם קדוש, אַז ישראל טוען-אויף על ידי עבודתם, ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט איינע פון די ז' שמות שאינם נמחקים, פונקט אַזוי-ווי על-דרך ווי דאָס איז באַ שם הוי' און שם א-ל ואלקים, ווי ער איז מבאר באריכות אין די דרושים.

**און** ער טוט-אויף דעם חידוש, ווי ער שרייבט אין צמח צדק באריכות אין אור התורה, אַז בימי יהושע איז געווען מערניט ווי "שר צבא", דערנאָך האָבן אָבער די נביאים אויפגעטאָן דעם ענין אַז ס'איז געוואָרן דערפון אַ שם שאינו נמחק, אַן ענין פון "איהו וגרמוהי חד" אפילו אין עולמות בי"ע.

און איז גלייך דערויף מתאים, אַז "בעץ חיים לא מצינו", אַז אין עץ-חיים ווערט דאָס גאָר ניט געבראַכט אזאַ אופן, אַזאַ מציאות; דאָס איז אַ חידוש וואָס מ'געפינט דאָ אין אָט דעם דרוש. דערפון גופא וואָס ער ברענגט ניט קיין אַנדער מקור - איז דאָס גופא איז דאָך די ראי', אַז דאָס איז דער חידוש, אַז דאָס איז אויפגעטאָן געוואָרן על-ידי הנביאים, אַז אין עולמות בי"ע וואָס אויף זיי זאָגט מען "ומשם יפרד", ניט דער ענין פון "איהו וחיוהי חד איהו וגרמוהי חד" - האָבן אויפגעטאָן די נביאים, אַז ס'זאָל זיין דער ענין פון "צבאות", ניט נאָר "על שם ישראל נקרא", אַז דאָס בלייבט אין חול,

נאָר אין חול דאָרטן טוט-אויף אַ איד און מאַכט דערפון אויף אַן ענין של תורה ומצוותי' - נאָר דאָס ווערט נתאחד און נתקשר, ביז אין אַן אופן ווי אין שמות שאינם נמחקים, בכללותם אויך דער שם הוי', ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט איינע פון די ז' שמות שאינם נמחקים, וואָרום אָט דאָרט איז דאָס אויך אין אַן אופן פון "איהו וגרמוהי חד", אף על פי וואָס דאָס רעדט זיך וועגן דעם מעמד ומצב בעת הנביאים, ביז אין די נביאים אחרונים, ביז ווי דערנאָך אין דעם זמן שלאחרי זה.

**און** אָט דאָס זאָגט מען, אַז כדי דאָס קענען צו ממשיך-זיין, אף על פי וואָס כאמור אַז אין עץ-חיים געפינט מען דאָס ניט, און אין זהר און אין תיקוני זהר, ווי מ'לערנט די ענינים בפשטות, איז דאָס מערניט ווי אין עולם האצילות, איז דורך דערויף וואָס מ'איז ממשיך ממקום עליון יותר, נאָך העכער פון וואַנענט ס'נעמט זיך תורה ווי תורה שטייט אין די ענינים ווי ס'איז געווען בזמן משה בגלוי - איז מען דעמאָלט ווערט דורך דערויף וואָס אידן זיינען "על צבאותם", העכער פון דעם גאַנצן ענין פון "צבאות" און די ניצוצות קדושה, איז דורך דערויף זיינען זיי ממשיך, וואָרום זיי זיינען אין אַן אופן פון "צבאות השם", על ידי מעשיהם ועבודתם, וואָס דורך דער עבודה ווערן זיי "על צבאותם" - זיינען זיי ממשיך פון אַ מקום עליון יותר, וואָס פון דאָרטן ווערט דערנאָך נמשך אַ ריבוי אור, ביז וואַנענט אַז ס'איז בוקע די פרסות און די הבדלים שבין אצילות לבי"ע, און ס'קומט אַראָפּ דער ענין פון "איהו וגרמוהי חד" אויך אין עולמות בי"ע.

**וואָס** דאָס איז אויך דער כללות הענין וואָס מ'זאָגט, אַז "התורה חסה על ממונם של ישראל", איז ער דאָך מבאר אין כתר שם טוב און אין צוואת הריב"ש דעם טעם לדבר, אַז אף על פי וואס דאָס איז מערניט ווי "ממונם", וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז "של ישראל", איז דאָך דאָס בהשגחה פרטית - איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז אין די ענינים, אין דעם ממון וכל השייך לזה, געפינען זיך די ניצוצות קדושה וואָס האָבן אַ שייכות צו אים, און ער דאַרף דאָס מברר-זיין און מזכך-זיין און מעלה-זיין, וואָרום דאָס איז נוגע לעבודתו, דאָס איז אַ טייל פון זיין עבודה. און דורך דערויף פירט ער אויס אויך דעם ענין פון "על צבאותם", וואָרום ער איז דאָך דער מברר.

ביז וואַנענט אַז מ'זאָגט אויף דערויף דער "ויהי בשלח פרעה את העם", אַז פרעה איז דאָך געווען אָט דער פון לשון "בשלח פארות", אַז ער האָט מוסיף-געווען, בדוגמא ווי מ'זאָגט "וזרעתי' לי בארץ", אַז ס'איז געווען דער ענין הגלות און "זריעה" אין מצרים, איז דאָס געווען "כדי להרבות עליו", און דאָס איז געווען דורך "בשלח פרעה", אַז ער האָט מוסיף-געווען "כמה כורים", "ופרעה הקריב", "הקריב את ישראל - לב ישראל - לאביהם שבשמים" - דורך דערויף איז צוגעקומען ביי אידן,

ביז אַז "גם ערב רב עלה אתם", ווי ער טייטשט דאָס אָפּ אין קבלה און אין די דרושים שלאחרי זה, אַז די ר"ב ניצוצות פון רפ"ח ניצוצין שנפלו בשבירה, האָבן זיי עולה-געווען, "עלו אתם", דורך דערויף וואָס ס'איז געווען די עבודה פון "בשלח פרעה", ווי ער איז מבאר בארוכה אין ספר המאמרים פון תרכ"ז ווי אַזוי דאָס איז מוסיף, און מוסיף "כמה כורים", מיט די אַלע פרטים וואָס ער רעכנט דאָרטן אויס.

**וואָס** אָט דאָס טוט זיך אויף דורך דערויף ווי ס'וועט זיין דער מדת "צבאות", וואָס אין ספירות איז דאָס דער מדת הנצח, מדת הנצחון. וואָס בשעת הנצחון זעט מען דאָך, אַז דאָס איז מגלה פון פנימיות הנפש, ווי ער זאָגט אין די מאמרים פון הילולא, און אויך מבאר דערנאָך בארוכה אין כמה פרטים נוספים אין מאמרים פון דעם רבי'ן נשמתו עדן, אַז דאָס פועל'ט אויף דער "פרזות תשב ירושלים", דער "צדקת פרזונו בישראל", אַז דורך דערויף וואָס ס'איז געווען

דער "ויהי בשלח פרעה", וואָס דאָס האָט אויפגעטאָן [אַז] דער ענין פון אַ אידן איז געוואָרן דער ענין פון "צבאות ה'", דורך דערויף וואָס זיי האָבן געטאָן דעם "על צבאותם", דער "ונצלתם את מצרים", אַרויסגענומען די אַלע ניצוצות קדושה שבה, סיי "עשאוה כמצולה שאין בה דגים", וואָס דאָס איז די ניצוצות וואָס האָבן אַ שייכות צו עלמא דאתכסיא, סיי די "כמצודה שאין בה דגן", די ניצוצות וואָס האָבן אַ שייכות צו עלמא דאתגליא, האָבן [זיי] דאָס אַלץ "ונצלתם" - מ'האָט דאָס מיטגענומען מיט זיך. און דעמאָלט איז דאָס געוואָרן "פרזונו", וואָס דאָס איז פון לשון "פרזות תשב ירושלים", למעלה ממדידה והגבלה, ניט ווי מיט אַ חומה, וואָס אַ חומה איז מודד ומגביל.

**וואָס** טוען-אויף דורך דערויף וואָס אידן זיינען דאָך חקוק למעלה, וואָס דערפאַר זיינען זיי "על צבאותם", ווי דער מגיד איז מבאר בארוכה אין תחילת ספרו פון ליקוטי אמרים און אויך פון אור תורה, פון רמזי תורה, וואָס דורך דערויף איז "עם המלך במלאכתו ישבו שם", על אחת כמה וכמה ווי דאָס קומט אַרויס על-ידי עבודת הבעל-תשובה, איז אָט דעמאָלט ווערט דערנאָך אַ ריבוי אור, ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט אויך נמשך אין עולמות בי"ע, ביז אַז דאָס פועל'ט אין עולמות בי"ע, אַז ס'זאָל זיין דער ענין פון "פרזונו", און מ'נעמט פון דאָרטן מיט ביז וואַנענט אַז דאָס פועל'ט אויך אין ירושלים, אַז ירושלים זאָל זיין "צדקת פרזונו בישראל".

**וואָס** דאָס איז דער כללות פון דעם שם "צבאות", און ווי ער איז מבאר בארוכה אויך פאַרוואָס דאָ איז דאָ די אותיות פון צ"ב און דערנאָך אַ יו"ד און דערנאָך אַ תי"ו און באמצע אַ וי"ו, אין דעם טאַט'ס מאמרים און הערות צו זהר אין פרשה אחרי, ווי אַזוי דאָס איז בפרטיות פאַרבונדן מיט די ספירות פון נצח והוד, און אויך דערנאָך ווי משמע אויך אין פרדס און קבלה, אויך אַז דאָס איז דער ענין פון יסוד, אָבער דאָס וואָס ס'איז דאָ נוגע איז דאָס דער ענין פון "צבאות" ווי דאָס איז נצח והוד".

**און** אָט דאָס טוט-אויף בפשטות "ונצלתם את מצרים", אַז מ'נעמט אַרויס דער "כספם וזהבם", די "כלי כסף וכלי זהב ושמלות", על פי תורת הבעל שם טוב, אַז דאָס ווערט "ממונם של ישראל" דערפאַר וואָס דאָרט איז דאָ די ניצוצות קדושה וואָס האָבן אַ שייכות צו אָט די אידן. און מיט זיי צוזאַמען גייט מען אַרויס "ביד רמה", און דערנאָך איז "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אַז בקרוב ממש, על ידי מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, ובפרט נאָך אין עיקבתא דמשיחא, איז "ובני ישראל יוצאים ביד רמה" לקבל פני משיח צדקנו, ובמהרה בימינו ממש.